אַ וואָלקן האָט אים אַוועקגענומען פֿון זייערע אויגן.
10 און ווי זיי האָבן אַזוי פֿעסט געקוקט צום הימל,
בשעת ער איז אַוועק אַרויף, זע, ביי זיי זענען
11 געשטאַנען צוויי מענער אין ווייסע קליידער; וועלכע
האָבן אויך געזאָגט: איר מענער פֿון גליל, וואָס
שטייט איר און קוקט אַרויף צום הימל? דער דאָזיקער
ישוע, וואָס איז אַרויפֿגענומען געוואָרן פֿון אייך
אין הימל אַריין, וועט אויף אַזאַ אופֿן קומען, ווי
איר האָט אים געזען אַרויפֿגיין אין הימל אַריין.
12 דעמלט האָבן זיי זיך אומגעקערט קיין ירושלים
פֿונעם באַרג, וואָס הייסט הר הזיתים, וועלכער איז
13 נאָענט פֿון ירושלים אַ שטח אַ תחום שבת. און ווען זיי
זענען אַריינגעקומען, זענען זיי אַרויפֿגעגאַנגען אין
דער אויבערשטוב, וואו פּעטרוס און יוחנן און יעקב
און אַנדריי, פֿיליפּוס און תומא, בר תלמי און מתי,
יעקב בן חלפֿי און שמעון הקנאי און יהודה בן
14 יעקב האָבן געוואוינט. די אַלע האָבן איינשטימיק
אָנגעהאַלטן אין תּפֿילה־טון, צוזאַמען מיט די פֿרויען,
און מרים ישועס מוטער און מיט זיינע ברידער.
15 און אין די דאָזיקע טעג איז פּעטרוס אויפֿגע־
שטאַנען אין דער מיט פֿון די ברידער און האָט געזאָגט
—אַן עולם אַן ערך הונדערט און צוואַנציק זענען
16 דערביי געווען פֿאַרזאַמלט—: ברידער, עס האָט
געמוזט דערפֿילט ווערן דער פּסוק, וואָס דער רוח
הקודש האָט פֿאָרויסגעזאָגט דורך דודס מויל וועגן
יהודהן, וועלכער איז געוואָרן אַ וועגווייזער פֿאַר
17 די, וואָס האָבן געפֿאַנגען גענומען ישוען; ווייל ער
איז געווען געציילט מיט אונדז און האָט באַקומען
18 זיין חלק אין דער דאָזיקער עבודה. דער דאָזיקער
האָט זיך דערוואָרבן אַ פֿעלד פֿאַרן שכר פֿון זיין
רשעות, און איז אַנידערגעפֿאַלן מיטן קאָפּ אַראָפּ